**גאווערנאר קאומאו:** 8/24/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז סטעיט לענדמארקס וועלן אויפגעלאכטן ווערן אין פערפל און גאלד אין פאַרעהרונג פון פרויען׳ס גלייכבארעכטיגקייט טאג**

***נאכפאלגנדיג דער אינאגוראציע פון ניו יארק׳ס ערשטע פרוי גאווערנער וועלן דרייצן סטעיט לענדמארקס ווערן אויפגעלאכטן צו אנערקענען פרויען׳ס גלייכבארעכטיגקייט לענגאויס דעם סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז דרייצן לענדמארקס לענגאויס ניו יארק וועלן אויפגעלאכטן ווערן אין פערפל און גאלד אנגעהויבן אויגוסט 24 ביז נאך אויגוסט 26 אין פאַרעהרונג פון פרויען׳ס גלייכבארעכטיגקייט טאג.

"ניו יארק איז דער היים ארט פון דער פרויען׳ס רעכט באוועגונג, וואו פיאנערן זענען געגאנגען איבער דער מאס אויף דורכצושפרייזן א וועג צו פרייהייט פאר פרויען איבער דער וועלט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס איז מיר א כבוד צו זיין דער ערשטער פרוי גאווערנער פון דער סטעיט ניו יארק און איך האף צו שיקן א מעסעדזש צו פרויען און מיידלעך איבעראל אז זיי קענען זיין וואס אימער זיי ווילן נאר זיין. אויף דעם דאזיגן פרויען׳ס גלייכבארעכטיגקייט טאג דערמוטיג איך יעדן איינעם צו קוקן צו דער גלעזענער דאך און עס צעשמעטערן - טראץ דעם וואס פרוין זענען אזוי ווייט אנגעקומען, האבן מיר נאך א לאנגער וועג צו גיין."

לענדמארקס אויפגעלאכטן צו ווערן רעכענען אריין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנער מעריאו מ. קאומאו ברידזש
- קאסציאושקא ברידזש
- דער ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדיוקעשען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא פאַללס (נאך אויגוסט 24 און 26)
- דער ׳פראנקלין ד. רוזוועלט׳ מיטל-הודסאן ברידזש
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקווער וויאדוקט
- אלבאני אינטערנאציאנאל עירפארט ארייגאנג
- דער לעיק פלעסיד אלימפיק דזשאמפינג קאמפלעקס
- MTA LIRR - איסט ענד געיטוועי ביי פען סטעישען

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן